Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פּערעץ

Mosḳṿe, 1937

8

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 8

אין אָוונט ז׳ער געגאַנגענ טרינקענ טיי און אויסגיסנ דאָס ביטער הארצ,
ער איז געגאַנגענ זײַנ אינ קאַס און זידנ מיט רעציכע:
— וואָס דארפ ער עס? אז טאָמער עפּעס וואָס, — געדאַכטס צי ניט געדאַכטס,
איז טײַקעפּ אינ גאַזעט — אפ גאַנצע לײַלעכער און ציכנ!

ס׳באַדאַרפ דעמ קאָוועד אוראָמ־הערש אינ ארבל,
טוט ער מיט האַנט געפּויסטיקטער א פּיר,
און אויב ס׳איז ארבעט, זאָל עס הײסנ — ארבעט,
ווײַל אוראָמ־הערש, ווײַזט ער אפ זיך, איז ניט קײנ גאַבע, נאָר א בריגאַדיר.

אינ דר׳היימ באַמ באַנ — מיט צוויי פּאַרשוינ פּאַרשיווע גאָלע,
האָט מענ געטרענט די ערד — ווער גיכער אָנקומענ ט׳אינ שטאָט,
און א באַלעגאָלע איז געווענ א באַלעגאָלע,
און פּאָטשאָט געווענ איז פּאָטשאָט!

און דאָ — אויב ס׳איז — אַרטעל,
איז אָדער דו פּאַרוועטסט זיך אָדער דו פּאַרוועטסט זיך ניט!
די פאַרע און די פעל!
דערווײַל איז אווראָם־הערש אָטוועטסטוועגע! —

און ס׳גיט נאָך אווראָם־הערש א זאָג,
און ס׳פּליט אליינ א שפּײַ אים אפ די הענט שוינ;
— געוואָלט האָט אווראָם־הערש סאַכאַקל איינ סעזאָנ,
ווײַל — מאַלע וואָס סע טרעפט זיך מיט א מענטשנ... —

נאָר ווענ ער האָט צום ערשטנ מאָל באַקומענ דאָס געהאַלט
און האָט עס איבערגעציילט נאָכאַמאָל אינ בײַסאַקיסע,
ווײַל — מאַלע וואָס — אזוי פיל אויגנ... דאָך, איז באַלד
אוועקגאַנ אווראָם־הערש עס פײַערלעך באַגיסנ.

באַשפּיגנ האָט ער עס, דאָס געלט, ס׳זאָל זײַנ מיט מזל,
דאָס ערשטע געלט, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט אינ קאַריער, —
און עפּעס האָט די היימ געגעבנ א דערמאָנ זיך,
און עפּעס האָט א בלישטש געטאָנ א טרער...

ערשט דעמלט אויסגעברייטערט האָט ער זיך דעמ טראָט,
דעמ קאָפּ פאַריסנ העכער,
געהייסנ זיך דערלאַנגענ גלײַך א פלאַש סיטראָ
און אויסגעצויגנ זײַנ טוטינ צו אַלע: — רעכער! —

און אליינ געגעבנ האָט ער א באַרעכנ:
— מאַלע וואָס — דעמ סאָציאַליזמ — בינ איך יעדנ מעכל,

איך ווײס ניט וואָס ס'באַטײַט — און וויל דעם קאָפּ ניט ברעכן, —
און נאָכאמאָל דעם קאָפּ א הײב געגעבן העכער:

— ער גיט מיר ברויט — איז פיר איך אים ווי מ'שענסטן פּאסאזשיר,
און בעט אים אויס די פור ווי מ'שענסטן פּאסאזשיר,
און וועק אים אופ פּארטאָג, ווי מ'שענסטן פּאסאזשיר,
און — ניט קײן באלעגאָלע, — נאָר א בריגאדיר! —

און זאָזל ליגט — אראָפּגערוקט דעם דאשעק,
און זאָזל קײַעט ווערטער ליידיקע ווי שטרוי —
ער זעט די הײם... דעם הילצערנעם פּידאשעק...
און ס'איז אים טרויעריק אזוי...

עס רײַסן דורך זיך לאסטוואָגנס, ווי וויכערס;
זײ שלעפּן מיט אפ ווײַט א קאלעכענעם שטויב;
און זאָזל קוקט: ס'איז גרויס... ס'איז ניט געגליכן...
און דאָכ גיט זיך דאָס הארץ א הויב,

און דאָכ גיט אים דאָס הארץ א טראָג —
...די הײם, די סטאני, ווי נ'געפּלעדער;
און די צעהאקטע ליפּ ער בראָקט,
נ'צו זיך אלײן, דאכט זיך, ער רעדט דאָרט:

— אינ דר'הײם... א פּראָסטער וואָגן, דאכט זיך, מיט פּארדארטע רעדער. ..
און קוקסט אפ אים — ס'איז דײַנס... קעדוימע ווי דײַנ שאָטן...
דו גיסט אפ אים א ביסל פּרישע הײ א שאָט אָנ,
און ס'קלעקט פאר זעקס פארשוינ צומ אונטערבעטן... —

ער קראַצט דאָס לויזע בערדל דאָס פארדאַרטס:
— דו נעמסט דעמ גלאָק אינ האנט — ס'איז דײַנס, קעדוימע ווי דײַנ הארץ,
און וואָס קעדוימע — יאָ, און וואָס קעדוימע — נײַנ,
די שלײע אופבינדנ איז זשאלעוועסטו ניט די צײַנ...

און גײסט באנאכט ארײַנ אינ שטאל קעדוימע,
איז ווי צו קינדער אײגענע אינ אלקער, ניט צו פערד;
דער כראָמק איז ווי פונ האלדז בא דיר... נ'א ביסעלע איכ שטײ מיר
און — צריק אינ בעט. און כאפסט א קוק אהינ, אהער...

און שפעט — ניט שפעט, און ווײַט — ניט ווײַט,
און ס'לעבנ גײט א גאנג, ווי פערד געטרײַע אָנ די צוימענ;
און קאָנסט עס נעמענ אפ די הענט, פונקט ווי אנ אײגנ ווײַב,
און ווי א קינד קעדוימע... —

און אז סע גיט דאָרט אווראָמ-הערש די ליפנ א פארקאטשע:
— גענוג!
— פארשיווע קליאטשע!
— וואָס שנײַדסטו מיר דאָס הארצ?
— פארלײגנ זאָל עס דיכ מיטנ קעדוימ אינײנעמ!

און אז ס'דערלאנגט דאָרט אווראָמ-הערש א קוק:
— פארפוילטע ליפ! זיכ אָנגעפרעסנ? זאט שוינ? —
און אז סע גיט דאָרט אווראָמ-הערש א הײב דעמ זאסטעפ,
און אז ער ווארפט ארויס אפ צווײ ארשינ א שפײַ,
די אויגנ — א צעכראסטע:
— נו, נעמ, נעווײלע — נעמ דיר אימ, דעמ זאסטעפ
— און פרעס אימ אופ!

— ס׳איז דײַנס!
— פּאַרפרוװ!
— און מער זאָלסטו מיר דאָ ניט װײנענ!
— א בראַנד דיר אינ די בײנער!

און אָנגערײצט, פאַרפאַליעט
דאָרט לאָזט זיכ אוראָם־הערש אלײנ אװעק
דאָס חאַרצ ס׳צערודערטע פאַרגיסנ מיט א שקאַליק,
און צו זײַנ טרױער איז ניטאָ קײנ ברעג...

נאָר שפּעט באַנאַכט קומט ער צוריק א שיקערער אהער,
דעמ גאַנצנ קאַלכענעמ מאַסיװ ער װעקט,
און ס׳הילכט זײַנ קאָל אינ אַלע הײלנ פונ קאַריער:
— דו גיסט מיר ברױט, איז פיר איכ דיכ, װי מ׳שענסטנ פּאַסאַזשיר,
און װעק דיכ אופ פאַרטאָג, װי מ׳שענסטנ פּאַסאַזשיר,
און בעט דיר דעמ פײַטאָנ, װי מ׳שענסטנ פּאַסאַזשיר!
און פאָר מיט דיר אַרױס אינ פראָנט פאַר אַלע פריִער,
און—ניט קײנ באַלעגאָלע, נאָר — א בריגאַדיר!